# פרשת בהר י"ד - כ' אייר תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהר***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. אחר שנשמעו דברי ברכה על ידי המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן, די חשובע זיידעס, און די טייערע קינדער וואס האבן יעצט אנגעהויבן צו לערנען חומש. עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר די עלטערן, ווען מען זעהט די פירות פון די פלאג, ווען מען קומט צו, צו די יארן פון בן חמש למקרא, וואס דער גאנצער תכלית פון קינדער איז, אז זיי זאלן אויסוואקסען בני תורה, תלמידי חכמים. מען הייבט אן מיט די קינדער די פרשה פון קרבנות, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, קרבנות איז א ענין פון טהרה, און קינדער זענען ריין. וואס עס ווארט זיי אפ אינעם לעבן, ווי אזוי עס וועט זיך אויסשטעלן, ווייסט קיינער נישט. און מען דארף מתפלל זיין, און בעטן שטענדיג, אז די טהורים זאלן בלייבן טהורים. זיי זאלן בלייבן מיט די זעלבע ריינקייט וואס מען האט יעצט, און אזוי אפלעבן די איבריגע יארן אויף די וועלט. און אויף דעם דארף מען אסאך מתפלל זיי, און בעטן דעם אייבערשטען, צו זעהן נחת ביי די קינדער.

**געוועגליך** טייטשט מען, אז מען לערנט די פרשה פון קרבנות מיט די קינדער, ווייל די קינדער זענען טהורים, און זיי זענען עוסק אין קרבנות וואס איז טהרה. עס איז אבער אויך א רמז פאר די עלטערן. **אז מען וויל מחנך זיין א קינד, ווען מען הייבט אן בן חמש למקרא, דארפן עלטערן וויסן אז עס קאסט א קרבן. מען קען נישט אלעס טון, וואס מען האט געטון ביז יעצט. אז מען וויל קינדער זאלן אויסוואקסען בני תורה, דארף זיין די הנהגה אין שטוב, א אנדערע סארט הנהגה ווי א מענטש וואס האט נישט קיין קינדער אין שטוב.** ערליך דארף מען זיין שטענדיג, אבער אז מען איז ערוואקסען, איז די הנהגה פון א מענטש אויף א אופן וואס איז נוגע נאר פאר אים אליין. און פאר זיך אליין קען מען זיך היטן, מען ווייסט וואס מען דארף צו טון. אבער אז מען האט קינדער אין שטוב, וואס קינדער טוען אויפפאסן יעדע זאך, און וואס מען זעהט ביי די עלטערן איז ביי זיי הייליג, [און אזוי דארף צו זיין], איז יעדע זלזול וואס מען זעהט אין שטוב, האט עס א געוואלדיגע השפעה אין די אויגן פון א קינד. און א מענטש דארף וויסן, אז ער דארף אסאך מאל זיך מונע זיין פון זאכן וואס ער וואלט געוואלט טון, אדער ער וואלט געוואלט האבן די זאך אין שטוב, איך האב אבער א קינד אין שטוב, איך קען נישט, איך וויל נישט קאליע מאכן מיין קינד אין דעם. איך וואלט געוואלט גיין ערגעץ מיט די בני בית, און מיטנעמען די קינדער, איך קען נישט. איך קען נישט גיין דארט, ווייל עס איז נישט פאר מיין קינד אהינצוגיין. אזוי איז דא צענדליגער זאכן אינעם לעבן פון א מענטש, וואס מען דארף זיך רעכענען מיט די קינדער, און זיך צוריקהאלטן פון טון זאכען וואס מען וואלט געוואלט. עס קאסט א קרבן. הייבט מען אן צו לערנען די פרשה פון קרבנות, צו לערנען די עלטערן, דו ווילסט אז דיין קינד זאל אנהייבן צו לערנען חומש, אויסוואקסן א בן תורה, עס וועט דיר קאסטן. אזוי ווי א קרבן איז מסירת נפש, אזוי איז דא אסאך מאל זאכען וואס זענען פארבינדן מיט אסאך שוועריקייטן. אבער די ציל פון עלטערן דארפן זיין, צו קוקן אויף די קינדער. וואס עס וועט האבן א גוטע השפעה אויף די קינדער, דאס טוט מען. און וואס עס קען האבן ח"ו א נעגאטיווע בליק פון די קינדער, דארף מען זיך צוריקהאלטן מען זאל עס נישט טון.

**מען** האט געלערנט די פאריגע וואך אין די פרשה, אמור אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו (ויקרא כא-א), די תורה האט געגעבן א מצוה פאר די כהנים, די קינדער פון אהרן, אז מען טאר זיך נישט מטמא זיין. א ישראל מעג זיך מטמא זיין, אבער א כהן נישט. כהנים אזוי ווי זיי זענען משרתי ה', מוזן זיי שטיין העכער ווי עס שטייט א אנדערער, און וואס עס איז מותר פאר א צווייטען, איז נישט מותר פאר א כהן. א צווייטער קען זיך מטמא זיין צו א מת, אבער דו ביסט א כהן, דו גייסט טון די עבודה, אריינגיין אינעם בית ה', אין בית ה' דארפסטו זיך פירן אנדערש, דו קענסט נישט טון וואס א צווייטער טוט. פאר די כהנים האט דער אייבערשטער געזאגט אז זיי דארפן זיך פירן בטהרה.

**דער** אמת איז, אז כהנים זענען שוין די צווייטע מדריגה. מען זעהט ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר יודען, האט ער געשיקט משה רבינו, ער זאל פארלייגען די תורה פאר כלל ישראל, צו זיי ווילן מקבל זיין די תורה, צו נישט. כה תאמר לבית יעקב, ותגיד לבני ישראל וגו', ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש (שמות יט-ג). דער באשעפער האט אנגערופן גאנץ כלל ישראל, אז זיי זענען א ממלכת כהנים וגוי קדוש. ווען מען קוקט אויף די זיבעציג פעלקער, און מען קוקט אויף כלל ישראל, איז כלל ישראל די כהונה פון די וועלט. יעדער יוד איז פון די ממלכת כהנים. מיט וואס ביסטו א כהן? וגוי קדוש, יעדער יוד האט אין זיך קדושות, וואס א גוי האט נישט. א גוי'ס קאפ ליגט אין טומאה, זיינע מעשים זענען נישט ריין, זיין דיבור איז נישט ריין, אבער יודען זענען א גוי קדוש. ווען מען מעסט זיי אקעגן די פעלקער, זענען זיי א הייליג פאלק. מיר זענען כהנים פונעם אייבערשטען, און א כהן דארף זיך אכט געבן, ער קען נישט טון אלעס וואס א אנדערער טוט. דאס איז אין כלליות פון כלל ישראל, זיי זענען א ממלכת כהנים.

**פון** כלל ישראל וואס איז א ממלכת כהנים, האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן איין חלק, שבט לוי, וואס זיי דארפן זיין די לומדי תורה, זיי דארפן זיין די יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל (דברים לג-י), איר קענט זיך נישט פירן אזוי ווי די גוי קדוש פירט זיך. עס איז דא זאכן ביי די גוי קדוש, וואס כאטש זיי זענען אויך א ממלכת כהנים, אבער פאר זיי האב איך עס מתיר געווען, אבער דו ביסט פון שבט לוי, פון די משרתי ה', דו דארפסט האבן א העכערע סארט קדושה, וואס א פשוטער יוד דארף נישט. ווי העכער מען איז, איז די קדושה א העכערע קדושה. דער כהן גדול איז נאך העכער פון די כהנים, איז זאכן וואס זענען מותר פארן כהן הדיוט, איז נישט מותר פארן כהן גדול. דער כהן הדיוט קען זיך מטמא זיין צו קרובים, און דער כהן גדול קען די טומאה אויך נישט נעמען אויף זיך. ווייל ווי העכער מען איז אין קדושה, מען איז נאנטער צום אייבערשטען, דארף זיין זהירות אין שטוב אויך זיין די זעלבע.

**די** זעלבע איז ביי יעדן יוד, פשוטע יודען, עמך יודען, אלע זענען א גוי קדוש. ווען א מענטש וויל אויפשטעלן א שטוב וואס די קינדער זאלן זיין פון שבט לוי, זיי זאלן קענען זיין יורו משפטיך ליעקב, פארלאנגט זיך א אנדערע סארט קדושה אין שטוב, ווי עס פארלאנגט זיך פון א פשוטן יוד. **ווי ערליכער מען וויל ערציען קינדער, ווי ערליכער מען וויל אז די קינדער זאלן זיין, ווענדט זיך עס ווי אזוי די הנהגה אין שטוב איז.** און דאס איז דער קרבן וואס א יוד דארף ברענגען.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון אמור אל הכהנים, האט ער צוגעגעבן 'בני אהרן'. מען וועט פרעגן, פארוואס זענען מיר אנדערש? פארוואס מעג זיך יעדער מטמא זיין, און די כהנים טארן נישט. זאגט מען, 'אמור אל הכהנים', זאג פאר די כהנים, וואס זאלסטו זיי זאגן, 'בני אהרן', עטץ האטס א אנדערן טאטן, עטץ זענטס קינדער פון אהרן. אהרן'ס קינדער קענען נישט טון, וואס א אנדערער טוט. ווען מען קומט פון א שטוב פון אהרן, דארף מען זיך אנדערש אויפפירן. אמור אל הכהנים, זיי מסביר פאר די כהנים, אז זיי זענען 'בני אהרן', פאר מיר פאסט עס נישט צו טון. וואס א אנדערע מעג טון, קען א קינד פון אהרן נישט טון. אלע האבן מיר געהאט טייערע אבות, טייערע זיידעס, מיר זענען בני אהרן, און אז מען וויל מחנך זיין קינדער, וואס זאלן זיין אזוי ווי די בני אהרן, פארלאנגט זיך א העכערע סארט קדושה אין די שטוב.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבה. די עלטערן און די זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך. די תלמוד תורה פראבירט צוזושטעלן די שענסטע וואס מען קען פאר די קינדער. דער חשוב'ער מנהל, און אלע ארום און ארום לייגן אריין א געוואלדיגע ארבעט אין די קינדער. די גאנצע קאפ איז נאר, ווי אזוי מען זאל קענען פארבעסערן דעם חינוך, און ב"ה מען זעהט די פירות פון וואס זיי טוען. אבער דאס איז נאר איין חלק פון די ארבעט, **די תלמוד תורה קען נישט ערזעצן די ערליכקייט וואס די שטוב גיט. עס איז דא א חלק וואס מען באקומט פון דעם לימוד וואס מען לערנט, און די פליכט פון די עלטערן איז, אז נאכדעם וואס די חדר ענדיגט זיך, וואס מען לערנט זיך פון די שטוב, דאס דארף זיין אין א העכערן סדר ווי עס איז געוועונליך.** אז מען וויל אז עס זאלן זיין קינדער וואס

זאלן פאסן צו די בני אהרן, 'לנפש לא יטמא בעמיו', טאר נישט זיין קיין טומאה אין די שטוב. ווי מער מען גיט אוועק פאר קדושה, ווי מער עס איז הייליגער, לאזט עס איבער א רושם אויף די קינדער שפעטער. איך וויל באדאנקען ברבים רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט, מיט אלע זיינע ארויסהעלפערס, די הנהלת גשמיות און די הנהלה רוחניות, אויף וואס זיי טוען. זיי לייגען אריין אויסערגעוועונליכע כוחות, אז די תלמוד תורה זאל קענען ב"ה בליען. זאל דער באשעפער געבן ווייטער אויך, אז זיי זאלן קענען טון זייער עבודת הקודש מתוך שמחה וטוב לבב. דער באשעפער זאל אונז אלע געבן, מיט די טייערע קינדער צוזאמען, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ז סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך איז די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, מנהג ישראל תורה אז מען מאכט הדלקות ביי די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, וואס מען זעהט נישט ביי אנדערע תנאים, אז עס זאל זיין אזא ענין פון מאכן א פייער. ישראל אם אין נביאים הן, בני נביאים הן (פסחים סו.), וואס יודען טוען, זענען זיי נביאים, און זיי ווייסען וואס מען דארף צו טון. און דער אש האט א קשר מיט רבי שמעון בן יוחאי.

**עס** שטייט אין די גמרא (סנהדרין לט.), אז א מין האט געפרעגט רבי אבהו, אלקיכם כהן הוא, דער אייבערשטער איז א כהן, ווען ער האט קובר געווען משה רבינו, איז ער דאך טמא געווארן, במאי טביל, וואו האט ער זיך גע'טובל'ט שפעטער. ועסטו וועלן זאגן אז דער אייבערשטער האט זיך געטובלט אין וואסער, דער אייבערשטער איז גרעסער פונעם וואסער, ער קען זיך נישט טובלן אין וואסער, ער ברענגט א פסוק (ישעיה מ-יב) דערויף, מי מדד בשעלו מים. האט ער אים געענטפערט, אז דער אייבערשטער האט זיך געטובלט אין פייער. ווי אזוי קען מען זיך טובלן אין פייער, פייער איז דען א טהרה? האט ער אים געזאגט, אז עס שטייט אין פסוק (במדבר לא-כג) וכל אשר לא יבא באש, תעבירו במים, א יעדע זאך וואס מען קען נישט פירן אין פייער, פירט מען אין וואסער. זעהט מען, פארוואס טובלט מען זיך אין א מקוה, ווייל מען קען נישט אריינגיין אין פייער. אבער אז מען קען זיך טובל'ן אין פייער, איז עס א טהרה. האט זיך דער אייבערשטער געטובלט אין פייער.

**תוספות** פרעגט א קשיא, פארוואס האט ער נאר געפרעגט, ווי אזוי דער אייבערשטער האט זיך געטובלט. פארוואס האט ער נישט געפרעגט, אז עס שטייט די וואך אין די פרשה (ויקרא כא-א) לנפש לא יטמא בעמיו, אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין. ער וואלט געדארפט פרעגן, ווי אזוי האט זיך דער אייבערשטער מטמא געווען צו משה רבינו, א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין. עס איז משמע אז ער האט נישט געהאט קיין קשיא אויף די טומאה, ער האט נאר א קשיא, שפעטער ווי אזוי דער אייבערשטער האט זיך מטהר געווען. פרעג די קשיא אין אנהייב, אז דער אייבערשטער איז א כהן טאר ער זיך נישט מטמא זיין. תוספות ענטפערט דערויף, אז יודען זענען קינדער פונעם אייבערשטען, און א כהן קען זיך מטמא זיין צו די קרובים, לאמו ולאביו ולבנו ולבתו ולאחיו ולאחותו וגו' לה יטמא, האט זיך דער אייבערשטער מטמא געווען, ווייל צו א קינד קען מען זיך מטמא זיין.

**דער מהרש"א** ענטפערט א צווייטען תירוץ, אז אזוי ווי עס איז לא ידע איש את קבורתו (דברים לד-ו), קומט אויס, איז משה רבינו געווען א מת מצוה, ער איז געווען אליין מיטן אייבערשטען. און א מת מצוה איז די הלכה, אז אפילו א כהן גדול קען זיך אויך מטמא זיין. האט ער נישט געהאט א קשיא ווי אזוי דער אייבערשטער האט זיך מטמא געווען, ווייל צו א מת מצוה מעג מען זיך מטמא זיין, האט ער נאר געפרעגט, וואס עס טוט זיך נאכדעם, ווי אזוי האט זיך דער אייבערשטער געטובלט, האט ער אים געענטפערט, אז טבל באש, ער האט זיך געטובלט אין פייער.

**דער עיון יעקב** (שם) ענטפערט א דריטן תירוץ, אז די גמרא (ברכות כב.) זאגט, אז א טמא מעג לערנען

תורה, ווייל דברי תורה אין מקבלין טומאה, שנאמר (ירמיה כג-כט) הלא כה דברי כאש, דער אייבערשטער זאגט, אז מיינע ווערטער זענען אזוי ווי פייער. מה אש אינו מקבל טומאה, פייער איז נישט א זאך וואס איז מקבל טומאה, אף דברי תורה אין מקבלין טומאה, אזוי איז דברי תורה אויך נישט מקבל טומאה. קומט אויס אז אפילו נאר די ווערטער פונעם אייבערשטען זענען כאש, און עס איז נישט מקבל קיין טומאה. איז דאך אוודאי דער אייבערשטער וואס איז א אש אוכלה (דברים ד-כד), דער אייבערשטער כביכול איז פייער אליין, און פייער איז נישט מקבל קיין טומאה. איז נישט קיין קשיא ווי אזוי דער אייבערשטער האט זיך געקענט מטמא זיין צו משה, דער אייבערשטער איז אש, און אז דער אייבערשטער איז אש, איז ער נישט מקבל קיין טומאה.

**דער חתם סופר** (בדרשות ח"א קנו. ובנדמ"ח ז' אדר דרוש יח) גייט מיט א שטאפל ווייטער, אז נישט נאר דער אייבערשטער איז אש, נאר די גמרא (חגיגה כז.) זאגט אז תלמידי חכמים איז כל גופן אש. א תלמיד חכם וואס איז דבוק אין די תורה, ער איז דבוק אינעם אייבערשטען, איז ער אליין פייער. און אז א תלמיד חכם איז אזוי ווי פייער אליין, זענען צדיקים נישט מטמא, ווייל פייער איז נישט דא קיין טומאה דערביי. דארף מען נישט זאגן אז משה רבינו האט מטמא געווען, נאר דער אייבערשטער איז נישט מקבל קיין טומאה, ווייל דער אייבערשטער איז אש. נאר משה רבינו איז אש, און אז משה רבינו איז אש, איז ממילא וועגן דעם איז נישט דא קיין טומאה ביי משה רבינו. דער הייליגער **חתם סופר** טייטשט אין די גמרא, אז דער מין האט אויך פארשטאנען אז משה רבינו איז נישט מטמא, ער האט נאר אזוי געפרעגט רבי אבהו, במה טביל, מיט וואס האט זיך משה רבינו געטובלט אין זיין לעבן, אז ער איז געווארן אזוי הייליג, און אזוי טהור, אז ער איז אש, און ער גיט נישט ארויס קיין טומאה. האט ער געענטפערט, אז ער האט זיך געטובלט באש. משה רבינו איז געזעסן און געלערנט תורה, וואס תורה איז הלא כה דברי כאש. משה רבינו איז געווען דבוק צום אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער איז אש אוכלה. און אז מען איז דבוק אין תורה, און מען איז דבוק אינעם אייבערשטען, ווערט מען אליין אש. און תלמידי חכמים וואס איז כל גופן אש, איז נישט דא ביי זיי קיין טומאה.

**מען** ווייסט אז עס טוט זיך א דיון, צו כהנים קענען גיין אויפן ציון פון רבי שמעון, צו נישט. אין אלע דורות האט מען זיך געפירט, אז כהנים זענען אריינגעגאנגען אינעם אהל אויפן ציון פון רבי שמעון. דער **שינאווער רב זי"ע** איז געווען דער וואס האט אנגעהויבן שטארק מערער צו זיין אז כהנים זאלן נישט גיין. און דער **סאטמארער רב** האט אויך געהאלטן אז מען זאל נישט גיין. על כל פנים עס איז געווען אסאך בעלי מקובלים וואס האבן געהאלטן, אז צו רבי שמעון קען מען גיין. פארוואס דוקא צו רבי שמעון קען מען גיין? ווייל עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז רבי שמעון איז געווען א גלגול פון משה רבינו. אזוי ווי משה רבינו האט געדארפט אנטלויפן מחרב פרעה, און ער האט זיך אויסבאהאלטן אינעם מדבר, דאס זעלבע האט רבי שמעון בן יוחאי געדארפט אנטלויפן פונעם מלך וואס האט אים געוואלט הרג'ענען, און ער האט זיך אויפגעהאלטן אין די מערה. און אז אויף משה רבינו זאגט מען אז ער איז אש, און משה רבינו איז נישט מטמא, און דער אייבערשטער האט זיך געקענט מטפל זיין מיט משה רבינו, איז רבי שמעון בן יוחאי אויך אש. און אז רבי שמעון בן יוחאי איז אש, איז ממילא נישט דא דארט קיין טומאה, ווייל צדיקים זענען נישט מטמא.

**צו** ווייזען אויף די גרויסקייט פון רבי שמעון, צינדט מען א פייער, צו ווייזען אז רבי שמעון האט זוכה געווען צו די מדריגה. אויף משה רבינו זאגט מען, אז ער האט זיך געטובלט באש, און עס איז נישט דא קיין טומאה. די זעלבע איז געווען רבי שמעון בן יוחאי, כל גופו איז געווען אש, ער איז אזוי נתעלה געווארן, אז עס איז נישט דא קיין קבלת טומאה ביי רבי שמעון. זאל דער באשעפער העלפן, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, הוא ימליץ טוב בעדנו.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת אברהם.

*

***יום שני פרשת בהר***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מנחם מאיר בערקאוויטש** ע"ה (מזקני תלמידי הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל).

***וזה תוכן השיחה:***

**בנו הר"ר שלום ישראל:** רבי בערל אשכנזי האט דערציילט דא היינט אינדערפרי, אז איינמאל אין חודש אלול איז ער געשטאנען אויף די גאס, און ער האט געשמועסט מיט איינעם. האט אים מיין טאטע צוגערופן, און ער האט אים געזאגט, אז אינדערהיים, ווען איך בין געווען צעהן יאר אלט, איז געווען אמאל חודש אלול, און איך האב זיך געשפילט. האט דער זיידע מיך אריינגערופן, און ער האט מיר געזאגט, ווי אזוי קענסטו זיך שפילען, עס איז חודש אלול?!...

**רבינו:** היינט קען מען אין חודש תשרי אויך... עס איז נשתנו הטבעים...

**בנו הר"ר יעקב:** איך געדענק דער **סאמבאטהעלער רב** פלעגט נאכזאגן צוויי זאכען ביי די שבת שובה דרשה, און ביי די שבת הגדול דרשה. ביי די שבת שובה דרשה פלעגט ער צו זאגען די מעשה, אז עס איז געווען א שטאט וואס מען האט געהויבן די פרייז פון די פיש, און קהל האט זיך צוזאמגעזעצט, אז מען זאל מאכן א תקנה אז מען קען נישט הייבן. דאס איז געווען אין תשרי, און מען איז געקומען צום רב פרעגן, צו דער רב איז מסכים. האט דער רב געזאגט, אלעס איז פיין און וואויל, אבער איך קען ענק נישט פארשטיין, עס איז חודש תשרי, עטץ האטס נערווען פאר אזעלכע זאכען? גלייבטס מיר, ווען עס זאל ליגען דא אויף די ערד א בייטל מיט געלט, וואלט איך עס נישט אויפגעהויבען, פאר גרויס פחד פון חודש תשרי.

**רבינו:** ער פלעגט עס נאכזאגן פון **רבי מרדכי לעכוויטשער זי"ע**. עס איז געווען אויף א אתרוג, מען האט געהויבן די פרייז פונעם אתרוג. האט ער צוגעברענגט, אז אין די פוסקים (מגן אברהם סימן רמ"ב סק"א) שטייט אזוי אויף פיש, האבן זיי געוואלט מאכן די זעלבע תקנה, אז מען זאל נישט קענען הייבן די פרייזן פונעם אתרוג.

**הר"ר יעקב:** שבת הגדול פלעגט ער צו זאגן, אז עס איז אמאל געווען ביי איינע פון די פריערדיגע רבנים, וואס די רעבעצין איז געווען א שוואכע, און זי האט געריבן די ווענט פאר פסח, און ער האט עס נישט געקענט צוקוקען. האט ער איר געזאגט, אז דו זאלסט וויסן אז פון שלחן ערוך אויס, איז דאס נישט קיין חמץ, און מען דארף נישט אזוי רייבן. האט זי אים צוריקגעענפערט, ווען איך זאל מיך פארלאזן אויף דיר מיט דיין שלחן ערוך, וואלט מען שוין לאנג געגעסן חמץ אין פסח.

*

**בנו הר"ר מיכאל דוב:** מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל** איז דאך געווען א פוסק. וואס דער שאמלויא'ער רב האט געטון, איז שלחן ערוך. האט ער מיר געזאגט, אז ער ווייסט אז דער שאמלויא'ער רב האט געטאנצט מצוה טאנץ מיט א אייניקל א כלה, און ער האט איר אנגעכאפט ביי די האנט. דער רב ווייסט די מעשה? און צו דער רב האט עס געהערט פון א יוד וואס איז דארט געווען?

**רבינו:** יא, מיין טאטע ז"ל.

**הר"ר מיכאל דוב:** און ביי וועמענס חתונה איז דאס געווען?

**רבינו:** ביי אלע אייניקלעך האט ער געטאנצט מיט די הענט. נאך מער, ער האט געהאט א אייניקל וואס איז געווארן זיין שנור. די סערדאהעלי רעבעצין איז געווען א טאכטער, און איר טאכטער איז געווארן א שנור ביים **שאמלויא'ער רב** (אשת בנו הגה"צ **רבי חיים עהרענרייך זצ"ל** רב הצעיר דק"ק שאמלויא). און דארט האט ער אויך געטאנצט מיט די הענט (כ"כ **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** בהקדמת ספר **דרשות לחם שלמה** אות כט).

**הר"ר יעקב:** מיין טאטע האט געזאגט, אז נישט נאר ביי א טאכטער'ס א טאכטער, נאר אפילו ביי א זוהן'ס א טאכטער האט ער אויך געטאנצן מיט די הענט (ועיין **בשו"ת אגרות משה** אהע"ז ח"א סימן ס).

ווען מיין טאטע האט חתונה געמאכט א אור אייניקל האט ער נישט געוואלט טאנצן מיט די הענט. ער האט געזאגט, ביי א אייניקל האב איך געהערט, אבער נישט ביי א אור אייניקל.

**א' מהנוכחים:** ער האט מיך דעמאלטס געפרעגט, צו איך קען אים געוואר ווערן צו עס איז געווען א געוויסער רבי אינדערהיים, וואס האט חתונה געמאכט א אור אייניקל.

**רבינו:** עס איז זייער זעלטן געווען.

**א' מהנוכחים:** עס איז געווען וואס האבן געטאנצט מיט א גארטל.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** האט נישט געטאנצט ביי א פרעמדע אפילו מיט א גארטל, אבער ביי די אייניקלעך האט ער געטאנצט מיט די האנט. **מיין טאטע ז"ל** האט מיר געזאגט, אז ער האט געטאנצט כמעט א האלבע שעה, אזוי ווייט איז ער געווען אין א דביקות. – אז מען טאנצט אזוי, קען מען טאנצן מיט די הענט.

*

**הר"ר יעקב:** איך האב באקומען פונעם **סאמבאטהעלער רב זצ"ל** א **של"ה הק'** צו מיין בר מצוה, און ער האט מיר אריינגעשריבן, און צום סוף שרייבט ער, תנאי אני מתנה, אז יעדע וואך זאלסטו לערנען דעם דרך חיים תוכחת מוסר וואס איז דא אויף די פרשה. איך פראביר עס מקיים צו זיין.

**רבינו** (בצחות): אז נישט וועט מען עס צוריק נעמען...

**מיין טאטע ז"ל** אליין פלעגט פארלערנען פאר די קינדער יעדע פרייטאג צו נאכטס פאר קידוש, אפאר שטיקלעך פונעם **של"ה הק'**.

**בנו הר"ר וואלף:** מיין טאטע פלעגט יעדע פסח ביינאכט נאכזאגן דאס ווארט פונעם **סערדאהעלער רב** אויף קדש ורחץ.

**הר"ר יעקב:** ער איז געווען ביים **סערדאהעלער רב** דעם לעצטן סדר, אין יאר תש"ד, און דעמאלטס האט ער געהערט דאס ווארט.

**רבינו:** א גאנץ יאר איז קודם רחץ און נאכדעם קדש, קודם דארף זיין א אתערותא דלתתא און נאכדעם וועט זיין א אתערותא דלעילא. פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתח של אולם. אבער פסח קומט אראפ א אתערותא דלעילא, איז קודם 'קדש' און נאכדעם 'ורחץ' (נדפס **בהגדה חדש האביב**).

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם עביר ראזענבערג** ע"ה.

***__יום שלישי פרשת בהר__***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ברוך יהודא שניצלער** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי, ואחיו שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

*

***__יום רביעי פרשת בהר__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל בן הר"ר **יצחק גראסבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל חיים האראוויץ** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלום באדאנסקי** הי"ו.

*

***__יום חמישי פרשת בהר__***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן בן הר"ר **חיים הערש בראך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל מייזעלס** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

בשעות הערב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית מדרשינו בוויליאמסבורג. אחר שזימרו זמירות וניגונים לכבוד היום, שר **רבינו שליט"א** הזמר בר יוחאי והזמר ואמרתם כה לחי, ועמד בריקוד בזמר אמר רבי עקיבא. אחר כך דרש **רבינו שליט"א** לכבוד היום (נדפס בגליון דברי תורה).